בס"ד

# תשורה

## מחגיגת הבר מצוה של

# לוי קיובמאן

**שבת קודש פרשת תצא**

**ט אלול תשפ"ו**

**בית חב"ד מילפורד מ.א.**

ב"ה

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זכינו לעת הגיע בננו היקר התמים לוי שי' לגיל קבלת נועם עול תורה ומצוות.

התודה והברכה לבני המשפחה, ידידינו ומכירינו אשר הועילו לשמוח איתנו יחדיו, לשבת קודש זה, ולברך את חתן בר המצוה שי' בברכת מזל טוב, שיגדל להיות חסיד, ירא שמים ולמדן ולנחת רוח כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א.

לרגל השמחה, אנו מתכבדים להגיש לכם תשורה מיוחדת: שיחה קדושה מתשרי ה' תר"ץ, מכתב כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע למערכת מכ"ע (בפרסום ראשון), כתבה בעתון אודות מחנה ישראל בה ראיין כ"ק אדמו"ר מה"מ שליט"א לפני הנשיאות.

כמו כן, בתור הוספה, כתבה בעתון אודות ביהכנ"ס חסידי בקאוונע ליטא - ובו גם מתאר החסיד ר' מענדל ראסקין, אחיו של ר' בנציון, סב סבו של הבר מצוה.

תודתנו נתונה לגיסנו הרה"ח ר' לוי שי' ראסקין על החומר והעזרה להבחור הבר מצוה על הכנת התשורה לדפוס שיזכה יחד עם כולנו לאורך ימים ושנים טובות מתוך בריאות, רוב נחת מכל יוצ"ח שיחיו והצלחה מרובה בעבודת הקודש ובטוב הנראה והנגלה. ובתפילה להשי"ת שנזכה להתגלות המיידית של מלך המשיח שליט"א תיכף ומיד ממש!

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

יוסף וצבי' קיובמאן

יום ועש"ק פ' כי תצא ט' אלול תהא שנת פלאות ודאי
מאנספיעלד, מ.א.



קיוומאן - ברוקלין

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

ב"ה, טו' סיון תשי"ב
ברוקלין, נ.י.

האברך יוסף שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה ע"ד הכנסו לגיל מצות,

הנה יה"ר מהשי"ת אשר מבן שלש עשרה למצות יגדל לבן חמש עשרה וכו' כפסק המשנה (אבות פרק ה'), ויוסיף התמדה ושקידה בלימודו בתורה, בתורת הנגלה וכן בתורת החסידות ויהדר בקיום המצות. והשי"ת יצליחו להיות חסיד ירא שמים ולמדן.

בברכה

**מכתב ברכה מכ"ק אד"ש מה"מ**
*לאבי הבר מצוה*

**Letter from the Rebbe**
*To Levi's father in honor of his Bar mitzvah*

# תורה, חכמה, מוסר און מעשה'לעך ביי דעם ליבאוויטשער רבינ'ס טיש

## דער ליבאוויטשער זאגט מוסר אמעריקאנער אידען. - באזארגט וועגען גייסטיגען מצב פון היגע אידען. - ווי דער רבי זאגט תורה און פיהרט א "רייד ביים טיש".

**פון ד. ל. מעקלער**

צו הערען דעם ליבאוויטשער רבי'ן זאגען תורה — איז איין זאך; און צו הערען איהם ביי א "רייד אין טיש" — איז א צווייטע זאך.

אין איין פאל איז ער אין גאנצען אין עולמות, פערטראגען אין דער גייסטיגער וועלט פון דער חב"דישער תורה. עס זעהט אויס, ווי ער וואָלט גאָר פערגעסען, אז ער האט פאר זיך צוהערער־חסידים וואָס שלינגען יעדעס וואָרט וואָס קומט ארויס פון זיין מויל און פאר וועמען עס איז אפטמאל שווער משיג צו זיין.

אויב תורה, דערהויבט ער זיך אזוי הויך און פערטראגט זיך אזוי ווייט ווי זיין גאונ'ישער מוח קען נאָר גרייכען.

אין צווייטען פאל איז ער אבער געמיטהליך, מעהר צוגענגליך צו זיינע צוהערער. ער האט מעהר אין זינען זיינע צוהערער און די וועלט ארום איהם.

עס שטראָמט, עס שפרודעלט דעמאלט מיט געדאנקען. ער איז פול מיט וועלטליכער חכמה און מענשליכען וויסען. ער איז דער לעהרער, דער וועג־ווייזער, דער בעאבאכטער און זאגאר דער מוסר־זאגער.

דער ליבאוויטשער רעדט תמיד בנעימות, אזוי שטיל, אז איהר מוזט אנשטעלען אייערע אויערען ניט צו פערהערען וואָס ער זאגט.

ער רעדט אבער קלאר און געשליפען. די געדאנקען וואָס ער זאגט ארויס זיינען גוט ארומגעטראכט. ווען זיי קומען ארויס פון רבינ'ס מויל, זיינען זיי צום פונקט, כאטש זיי זיינען אפט אפגעהאקט, מיט א זעלבסטפערשטענדליכען ריגע זאל מען זיך שוין אליין אנשטויסען.

דער רבי האלט בכלל ניט פון זאגען דאס וואס האט ניט קיין בעשטימטען מיין און ציעלט ניט צו קיין בעשטימטען צוועק.

בעדויערט ער טאקע אין זיין אנפאנג שמועס ביי דער שמחת בית השואבה, דיענסטאג אוועגד ביי איהם אין סוכה, וואס ווערטער קענען ניט תמיד געגוי ארויסברייגגען וואס מען האט אין דער מחשבה און מען מוז דארום אפט צופיעל ריידען איידער מען מאכט זיך פערשטענדליך צום צוהערער.

אפילו צו ריידען אזוי בצמצום, אזוי קאנצענטרירט, ווי ער, האלט ער פאר צופיעל.

האבען דערפאר זיינע געצעהלטע ווערטער און אפגעהאקטע זאצען א פיעל גרעסערע ווירקונג אויף אייך. זיי זיינען אפט אויך בילדליך, מיט א פאעטישען און פילאזאפישען צויבער.

דורכגענומען מיט'ן אמת'ן גייסט פון חב"ד, וועמענס איינציגער פיהרער ער איז איצט. האט איהר אין ליבאוויטשער'ס תורה אי "קאפ" און אי "הארץ", דער ציעל איז אבער תמיד, אז "קאפ" זאל בעהערשען "הארץ". זיינע אלע דרשות און שמועסען זיינען דערום פול מיט לומדות און אויך מיט חכמה.

לויכט אויף דעם רבינ'ס פנים ווען ער רעדט, ווערען זיינע ווערטער אפט בעגלייט מיט לייכטע זשעסטען פון זיינע צארטע הענט, זיין שטים הויבט זיך אבער זעלטען העכער פון דעם געוועהנליכען בנעימות'דיגען טאן זיינעם. דער קאפ בעהערשט תמיד דאס הארץ, אפילו דעמאלט ווען דער רבי זאגט אליין, אז די ווערטער וואס ער זאגט ארויס בלוטיגען זיין הארץ.

און דעם רבינ'ס הארץ בלוטעט פאר אידישקייט אויף דער גאנצער וועלט, אין רוסלאנד און אין אנדערע לענדער, און אפילו אויך פאר דעם שפל'ען מצב פון אידישקייט אין אמעריקא גופא

ווארים דער רבי, וועלכער איז געקומען מיט דער גרויסער שליחות צו דערוועקען די אמעריקאנער אידען צו דער נויטווענדיגקייט צו שאפען די מיטלען צו דערהויבען דעם גייסטיגען מצב פון די אידען אין רוסלאנד און אנדערע לענדער, האט אין דער קורצער צייט וואס ער פערברענגט אין אמעריקא ניט פערפעהלט צו בעמערקען, אז די אידען דא זיינען ווייט אוועק פון דעם דרך התורה, און דאס וועהטאגט איהם, דאס פערשאפט איהם צער.

דער צער זיינער איז נאך גרעסער, וואס אייגענטליך האבען דאך די אמעריקאנער אידען די זעלביגע אידישע נשמות וואס די אידען פון אנדערע לענדער.

אידישע נשמות זיינען ג-ט'ס ליכטער, ערקלעהרט דער רבי. זיי זיינען צושיקט געווארען איבער דער וועלט. אבער וואו זיי געפינען זיך און אונטער וועלכע אומשטענדען זיי זאלען ניט זיין, טארען זיי ניט אויסגעלאשען ווערען, טארען זיי ניט פערטונקעלט ווערען.

רעדט דער רבי מיט טיעפען צער וועגען דעם, וואס די אמעריקאנער אידען זיינען געווארען אזוי נאכלעסיג אין אפהיטען אידישקייט. וואלטען זיי כאטש געווען זינדער, חוטאים — אזוינע קענען נאך ווערען בעלי תשובה. זיי האבען אבער אויפגעהערט טראכטען, זיינען געווארען נאכשלעפער, "הסכמה"-געבער אויף אלץ וואס אנדערע טוען, און דאס איז, ווי דער רבי זאגט, א גרויסע ירידה פאר די אידען אין דעם לאנד.

וואלטען זיי כאטש די גרויסע אוצרות, טענה'ט דער רבי, געבראכען בייזוויליג, מיט כוונה. זיי שארען זיי אבער ארום עפעס מיט דער פאלע און לאזען זיי צוטראטען ווערען מיט די פיס, זיך גאר ניט קימערענדיג. און פאר דעם בלוטעט זיין הארץ...

און דער רבי איז אזוי דורכגענומען מיט דעם וואס אידישקייט אין אמעריקא איז

שפל, דאס עס פיהלט זיך ווי ער וואלט די אמעריקאנער אידען געהאט אין זינען ווען ער געהט איבער צו דעם ענין פון צדקה.

צדקה איז א הויכע זאך. עס איז אבער ניט גענוג וואס מען גיט צדקה. מען דארף זיין איבערגעבען צו דעם צוועק פון צדקה און טאקע אויך "איבערגעבען" מעהר ווי די כחות ערלויבען...

ביי א "רייד אין טיש" רעדט דער רבי אפטמאל אויך שפאסיג. דאס איז אבער ביי איהם אן אנדער מיטעל ווי צו דערגרייכען א בעשטימטען צוועק, ארויסצובעקומען א מוסר השכל.

אזוי ווי נגינה איז ביי איהם נאר א מיטעל פאר התעוררות, אזוי איז א שפאסיגע מעשה'לע נאר ארויסצוברייגען א מוסר השכל.

דערצעהלט טאקע דער רבי א מעשה'לע.

און ער דערצעהלט עס לגבי דאס וואס וואלט געקענט בעטראכט ווערען א קלייניגקייט:

הרב ריווקין, דער אפיציעלער "סארווער" ביים טיש, ווארפט זיך איבער א ווערטעל מיט דעם רבינ'ס איידעם און מיטהעלפער און מיטווירקער אין זיין גרויסער טעטיגקייט פאר די רוסישע אידען, הרב שמריהו גור־אריה, וועגען דעם ענין פון "תיקון". זאל מען נעמען נאך א ביסעלע, אדער ניט? ווערט געמאכט די בעמערקונג, אז מען דארף וועגען דעם פרעגען דעם רבי'ן.

ענטפערט דער רבי אויף דעם מיט א מעשה'לע:

ר' שמואל מונקיס איז געווען איינער פון די בעריהמטסטע חסידים פון דעם אלטען רבי, ר' שניאור זלמנ'ען.

ר' שניאור זלמן, כידוע, האט געהאט זיבען "חדרים" פון חסידים און ר' שמואל מונקעס האט געהערט צום ערשטען "חדר". פערשטעהט זיך, אז ער איז ניט געווען אבי-ווער.

פאסירט אמאל, אז ר' שמואל זיצט אין א מסיבה פון חסידים. מען לעגט זיך צוזאמען "פעטאקעס" און מען לאזט ברענגען משקה. א קצב אין דער מסיבה לאזט בריינגען געפילטע העלזלעך און לעבער און אנדערע געבראטענס.

לעגט מען דאס צובייסען ארויף אויף א טעלער און מען גיט עס איבער ר' שמואל'ן, ער זאל זיין דער פערטיילער.

דער עולם מאכט א לחיים און מען ווענדט זיך צו ר' שמואל'ן צו דערלאנגען עפעס פון טעלער. ער נותנ'ט אבער ניט. ער האלט דעם טעלער אן א זייט און הייסט דעם עולם מאכען נאך א לחיים. מען ווענדט זיך צו איהם נאך אמאל צו געבען עפעס פון טעלער.

אבער אנשטאט צו געבען די צובייסענס, נעמט ר' שמואל דעם טעלער מיט'ן געבראטענס און שליידערט עס אריין אין פאמויניצע.

ווערט צווישען עולם א טומעל. וואס איז דא געשעהן? וואס איז דא געשעהן? איז ער חסר-דעה, וואס ער טהוט אזא זאך?

אבער ווען דער עולם האלט זיך אין קאכען, לויפט אריין א פערסאפעטער שוחט און ערקלעהרט, אז די בהמה, פון וועלכער דאס געבראטענס קומט, האט געהאט א שווערע שאלה און איז ערקלעהרט געווארען טריפה...

זעהט מען דאך, אז ר' שמואל האט שוין געוואוסט פון פריהער און האט דערפאר ניט דערלאזט, אז אידען זאלען עסען טריפה.

אבער ערשט דעמאלט ווערען חסידים שטארק אויפגעבראכט. אויב אזוי, איז עס דאך א רוח הקודש — הייגט ווי קומט צו א חסיד רוח הקודש סתם אין דער וועלט אריין? עפעס מוז דא שטעקען!

ציהט מען ר' שמואל'ן אויפ'ן בענקעל און מען וויל איהם אָפּצעהלען ארבעים חסר אחת, סיידען ער זאל אויסזאגען, פון וואנען דאס קומט צו איהם.

ר' שמואל קומט דעמאלט ארויס מיט'ן לשון.

איידער א חסיד געהט אריין צום רבי'ן אויף יחידות, זאגט ער, מוז ער אויף זיך נעמען א תשובה. האט ער, ר' שמואל, געהאט גענומען די תשובה, אז ער זאל קיינמאל ניט טאן אזוינס, וואס עס ווילט זיך איהם.

און די דאזיגע תשובה האט ער תמיד אפגעהיט.

יענעם מאל, זיצענדיג ביים טיש מיט'ן טעלער געבראטענס אין האנד, האט ער באקומען א גרויסען באגעהר אויסצוטיילען אלעמען חלקים און טאקע אליין עפעס צו נעהמען אין מויל. דער באגעהר איז געווארען שטארקער און שטארקער, אזוי אז ער האט דערפיהלט, אז עס איז שוין עפעס מעהר ווי א תאוה. עס איז געווען אן עבירה...

און אט דערפאר האט ער באשלאסען גראד זיך גובר צו זיין אויף זיין רצון, און האט דעם טעלער ארייגעווארפען אין פאמויניצע.

און ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעצייגט איז עס טאקע געווען צוליעב א גוטע אורזאך... אידען זאלען דורך איהם ניט נכשל ווערען...

"און איצט", האט דער ליבאוויטשער פארענדיגט, "איז אפשר טאקע דאס וואס אייך ווילט זיך אזוי שטארק נעהמען תיקון, די אורזאך וואס איהר זאלט עס ניט נעהמען. מען דארף גובר זיין דעם רצון"...

און דער רבי האט אויף אזא אופן מיט א מעשה'לע וועגען א גאר אומבאדייטענדען ענין ארויסגעבראכט א מוסר השכל...

און עס זיינען אודאי געווען גאר א סך וועמען ער האט געהאט אין זינען. דאס זיינען געווען ניט נאר די אידען פון אמעריקא נאר די אידען פון דער גאנצער וועלט.

עס איז דעם ליבאוויטשער'ס דרך ווי צו זאגן מוסר...



WEDNESDAY, JEWISH JOURNAL—2—דער מארגען זשורנאל SEPTEMBER 20, 1939.

Town Tavern Straight Rye Whiskey Now 3 Years Old! 1.09 Pt. 57¢ ½ Pt.

Copyright 1939, National Distillers Products Corp., New York, N. Y. 90 PROOF

DR. GUGGER 120 East 86th Street, New York

**מכתב שנתגלה לאחרונה מאת הרבי הריי"צ למערכת**
*על התוועדויות הרבי׳ים בחג השבועות*

במכתב זה מגיב הרבי הריי"צ לתיאור שפורסם בנוגע למנהגי חג השבועות, ומביא עדות אישית ומדויקת — ובמובנים מסוימים אף תיקון — באשר למנהגם של הרבי׳ים להתוועד ביום טוב.

המכתב מעניק הצצה נדירה למסורת חג השבועות בחצר רבותינו נשיאינו, ומשמר פרט חשוב ממנהגי הרבי׳ים והמסורה של חב"ד.

**Letter from the Frierdiker Rebbe to the editor**
*On the Shavuos Farbrengens of the Rebbeim*

In this letter, the Frierdiker Rebbe responds to a published description of Shavuos customs, offering a firsthand clarification—and in some respects, a correction—regarding the Rebbeim's practice of farbrenging on Yom Tov.

The letter provides a rare glimpse into the traditions of Shavuos in Chabad, preserving an important aspect of the Rebbeim's mesorah.

# בריעף (בריוו) פון ליובאוויטשער רבי'ן צו אונזער מיטארבייטער

יוסף מארגאשעס

אין זיין ערב שבועות'דיגען ארטיקעל וועגען ״מנהגים און טעמים פון שבועות״, האט אונזער מיטארבייטער יוסף מארגאשעס געשריבען, דאס ס'איז א מנהג פון אלטע חסידישע רביים ניט צו זאגען קיינע דברי תורה ביים טיש אין דער ערשטער נאכט פון שבועות.

דארויף האט ער לעצטענס באקומען א בריוו פון'ם וועלט בעריהמטען חסידישען רבי'ן, אדמו״ר ר' יוסף יצחק שניאורזאהן, מליבאוויטש שליט״א, וועלכער שרייבט ווי פאלגט:

**ב"ה, ט"ו תמוז תרצ"ט, אטוואצק.**

**ידידי הנכבד והנעלה, משכיל על דבר טוב וו"ה אי"א מוה"ר יוסף שי' מארגאשעס.**

מזכירי הרב ר' יחזקאל שי' הראה לי את המאמר אודות לילה ראשונה דחג השבועות בשם הרה"צ שלמה ליב נ"ע מלענטשנא.

אמנם בנוגע למנהג הוד כ"ק אבותנו הקדושים אדמור"י חב"ד זצו"קל"ללה"ה נבג"מ זי"ע, הם היו אומרים דברי תורה שלשה פעמים בחג השבועות, בלילה הראשונה דחג השבועות, קודם מעריב, בליל שני, וביום השני דחג השבועות, וכן נוהגים ת"ל גם היום.

בטח יודע הוא אשר הוד כ"ק אבותי רבותנו אדומור"י חב"ד זצו"קל"לה"ה נבג"מ זי"ע היו קובעים סעודה ברבים רק ארבעה פעמים בשנה, בשמחת תורה, בי"ט כסלו, בפורים, ביום השני דחג השבועות, ואז היו מדברים דברי התעוררות מלבד מאמרי חסידות שהיו אומרים.

מאמרי ההתעוררות - הנקראים בשם לקוטי דבורים, או שיחות - אף כי הנני נזהר בכתיבתן והדייק בסגנונם בכל האפשרי אשר לא בכל עת אפשר להגיע - ארויסזאגען - בשפה המדוברת - אידיש - את הרעיונות העמוקים והאצולים של תורת החסידות אבל באופן האפשרי הנני נותן דעתי על זה ומדייק בהם ועם זה אינן אלא שיחות ולא מאמרי חסידות.

אתעין לדעת משלומו והשי"ת יחזק בריאותו ובריאות ב"ב יחיו, ויעזרהו בגשמיות וברוחניות, ויואיל נא לפרוש ניני שלום בנו הנכבד שי' ולהגיד לו ברכתי כי יעזרהו השי"ת בגשם וברוח.

**הדו"ש ומברכו יוסף יצחק.**



די פארצווייגטע טעטיגקייט פון דער ארגאניזאציע "מחנה ישראל"

פון א. דיאמענט

**A Remarkable Interview with the Rebbe Before His Nesius**

*Insights into the Purpose and Activities of Machane Yisroel*

This fascinating newspaper article describes the purpose and activities of **Machane Yisroel**, offering a rare glimpse into the organization and its work.

Uniquely, the article includes an interview with the Rebbe himself—**before he had formally accepted the Nesius**.

**ראיון מיוחד עם הרבי קודם נשיאותו**

*תובנות על מטרותיו ופעילותו של מחנה ישראל*

כתבת עיתון מרתקת זו מתארת את מטרותיו ופעילותו של **מחנה ישראל**, ומעניקה הצצה נדירה לארגון ולפעילותו.

באופן ייחודי, הכתבה כוללת ראיון עם הרבי עצמו — **עוד בטרם קיבל עליו באופן רשמי את הנשיאות**.

# די פארצווייגטע טעטיגקייט פון דער ארגאניזאציע "מחנה ישראל"

**פון א. דיאמענט**

עס וועט באלד ווערען צוויי יאהר ווי עס איז אויף דער איניציאטיווע פונ'ם ליובאוויטשער רבי'ן, געשאפען געווארען דער נייער פארבאנד פון רעליגיעזע אידען — "מחנה ישראל". די דאזיגע ארגאניזאציע האט באלד ביי איהר ענטשטעהונג זיך געשטעלט אויף אן אבסאלוט אומפארטייאישער פלאטפארמע, געבענדיג די מעגליכקייט צו יעדען איד, אהן אונטערשייד צו וועלכער קלאס אדער ריכטונג ער זאל נישט געהערען, זיך אנצושליסען אלס מיטגליד אין איהרע רייהען.

טראץ דער קורצער צייט פון איהר עקזיסטענץ איז איצט די "מחנה ישראל" שוין אומשטאנד אנצואווייזען אויף א גאנצע רייהע וויכטיגע לייסטונגען פאר הרמת קרן התורה והיהדות.

די "מחנה ישראל" באוועגונג, וועלכע האט איהר צענטראל־אפיס אין 770 איסטערן־פארקוויי, ברוקלין, איז טהעטיג אויף אלע געביטען פונ'ם אידיש־רעליגיעזען לעבען און שענקט איהר אויפמערקזאמקייט צו יעדע פראגע, וואס האט נאר א באדייטונג פאר די באמיהונגען אויף צו פארשטארקען דאס אידישקייט צווישען די ברייטע אידישע מאסען.

אין פארלויף פון איהר עקזיסטענץ האט די "מחנה ישראל" ארגאניזירט אן אינטענסיווער פראפאגאנדא און אגיטאציע כדי ארויסצוראטעווען יענע אידישע קינדער, וואס זיינען אריינגעפאלען אין דער אויסגעשפרייטער נעץ פון די מיסיאנערען. קנאפע הונדערט אזעלכע אידישע קינדער זיינען אויף אזא אופן אפגעראטעוועט געווארען פון שמד, אין משך פון די לעצטע אנדערטהאלבען יאהר. די דאזיגע קינדער פלעגען באזוכען די מיסיאנערעשע פארטראגען אדער אווענט־קורסען. איצט אבער — געפינען זיי זיך אונטער דעם גייסטיגען רשות פון דער "מחנה ישראל", וועלכע זארגט פאר זייער ערציהונג און קולטורעלער אויסבילדונג אין דעם אידישען רעליגיעזען און טראדיציאנעלען גייסט.

פאראלעל מיט דער ארבייט אפצוראטעווען אידישע קינדער פון די מיסיאנערשע נעצען, געהט אויך אן א שטארקע טהעטיגקייט פאר'ן אלגעמיינעם ארטאדאקסישען חינוך. צענדליגער ארטאדאקסישע יונגעלייט, מיטגלידער פון דער "מחנה ישראל", האבען אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו העלפען אין דער וויכטיגער אקציע. זיי געהען פון איין אידיש הויז צום אנדערען און אפעלירען צו די אידישע פרויען, אז זיי זאלען שיקען זייערע

קינדער אין אמת'ע ת"ת און ישיבות. עס ווערען אויך ארויסגעשיקט, פון צייט צו צייט, אויפרופען און צירקולארען צו פארשידענע אידישע אינסטיטוציעס, שוהלען און געזעלשאפטליכע־טוער ווענען דער וויכטיגקייט פון ערציהען די אידישע קינדער אלס גאנצע אידען. אין איינעם אזא צירקולאר, וואס די פרויען-אפטיילונג ביי דער "מחנה ישראל" האט לעצטענס ארויסגעשיקט צו טויזענטער אידישע פרויען פון איבער'ן גאנצען לאנד, איז אנגעוויזען געווארען, אין קורצע שטריכען, אויף די וועגען און מיטלען מיט וועלכע מען זאל זיך באנוצען אויף צו פארבעסערען דעם חינוך הבנים והבנות.

די אידישע פרויען ווערען גלייך-צייטיג געבעטען, אז זיי זאלען צוזאמענזאמלען גרופען פון קליינע אידישע קינדערלאך יעדען שבת, אדער אפילו אין א וואכען־טאג און ביי רעפרעשמענטס דערצעהלען זיי וועגען אידישקייט, געוויסע מעשיות פון אונזערע חכמים, פון דער סדרה און דאס גלייכען. און דערביי דארף שטענדיג און נאכאנאנד באטאנט ווערען, אז די תורה און די מצות זיינען אייביג, זיי גילטען אין אלע צייטען און אויך איבעראל.

דער וועד־הפועל פון "מחנה ישראל", אין וועמעס שפיץ עס געפינט זיך הרב ר' מענ(א)[ד]על שניאורזאן, דער צווייטער איידעם פונ'ם ליובאוויטשער רבי'ן, ווענדעט אויך אן פיל ענערגיע אויף צו לעזען די אנגעווייטאגטע פראגע פון שמירת שבת. עס ווערען צו דעם צוועק אונטערגענומען פארשידענע אקציעס, וואס האבען, אגב, אויך צו פארצייכענען א געוויסען ערפאלג. עס איז ביי דער געלעגענהייט ווערט צו דערמאנען די באמיהונגען צו ארגאניזירען ספעציעלע "פרויען סאסייעטיס", וועמעס מיטגלידער עס זיינען זיך מתחייב נישט איינצוקויפען אום שבת. עס איז אויך געשאפען געווארען א פארבאנד פון יונגעלייט וועלכע באזוכען די אידישע סטאר־קיפערס און באמיהען זיך צו ווירקען אויף זיי לעצטע, אז זיי זאלען האלטען געשלאסען זייערע סטארס אום שבת.

א באזונדערע אויפמערקזאמקייט ווערט געשאנקען די פראגען פון טהרת־המשפחה, כשרות און אהבת־ישראל, דאס הייסט, די מצות שבין אדם לחברו.

נאך אן אינטערעסאנטער אויפטהו פון "מחנה ישראל" איז געווען דאס שאפען די באוועגונג פון "משניות בעל פה". דער געדאנק דערפון איז — ארויסצוטראגען דעם הכל של תורה אויף דער גאס. יעדער מיטגליד פון דער "חברה משניות בעל פה" פארפליכטעט זיך אויסצולערנען אויף אויסווייניג אומגעפעהר איין משנה א וואך, און אין משך פון דער גאנצער וואך דארף ער כסדר לערנען די דאזיגע משנה וואו נאר ער געפינט זיך — אויף דער גאס, אין סאבוויי, אין סטאר א. א. וו. אין משך פונ'ם יאהר דארף יעדער חבר אויסלערנען אויף אויסווייניג אן־ערך פון פינף פרקים משניות.

די פארטיילונג פון די משניות צווישען די חברים פון דער "חברה משניות בעל פה" ווערט דורכגעפירט לויט א גורל. אסרו־חג פון פארגאנגענעם שבועות איז פארגעקומען די ערשטע הגרלה, אין וועלכער עס האט זיך אויך באטייליגט דער ליובאוויטשער רבי. דאס דאזיגע זעלטענע געשעהעניש איז דאמאלט פארוואנדעלט געווארען אין אן אמת'ן יום טוב של תורה. עטליכע הונדערט אידען, דארונטער מעהרערע רבנים, האבען אנטייל גענומען אין יענער הגרלה.

אויפ'ן פארשלאג פונ'ם ליובאוויטשער רבי'ן איז אנפאנג פון היינטיגען זומער געגרינדעט געווארען אין ירושלים אן אלוועלטליכע חברה תהלים, אונטער'ן נאמען "חברת תהלים העולמית". די מיטגלידער פון דער דאזיגער חברה פארזאמלען זיך יעדען טאגביים קבר פון דוד המלך, וואו זיי זאגען גאנץ תהלים און זיינען מתפלל פאר'ן כלל ישראל. איצט איז די הנהלה פון דער "מחנה ישראל" צוגעטראטען צו ארבייטען אויך דא, אין אמעריקא און אין קענעדע, פאר דער פארשפרייטונג פון די חברות תהלים, די עקזיסטירענדע חברות תהלים דארפען פארשטארקט ווערען און עס וועלען געשאפען ווערען נייע חברות אין יענע ערטער, וואו זיי זיינען נאך נישט פאראן.

אין א געשפרעך, וואס דער 'מארגען זשורנאל' פארטרעטער האט געהאט מיט הרב ר' מענדעל שניאורזאהן, האט דער לעצטער איבערגעגעבען בקיצור דעם אייגענטליכען ציעל פון דער "מחנה ישראל" באוועגונג, ערקלערענדיג, אז "די דאזיגע ארגאניזאציע פיהרט נישט קיין שום קאמף געגען וועלכער עס איז אידישע פארטיי, ארגאניזאציע אדער גרופע. איהר איינציגע אויפגאבע באשטעהט נאר אין פיהרען א ברייט־פארצווייגטע טעטיגקייט פאר חיזוק התורה והיהדות. אונזערע הויפט־לאזונגען זיינען: "אין ישראל נגאלין אלא בתשובה", לאמיר היטען דעם שבת, וועט דער שבת אונז אפהיטען! לאלתר לתשובה און לאלתר לגאולה!"

עס איז כאראקטעריסטיש, אז די ערשטע מיטגלידער פון "מחנה ישראל" האבען אנגענומען דעם איינשטימוגען באשלוס, אז א חבר פון "מחנה ישראל" דארף זיין א נסתר, דאס אפילו זיינע נאהענסטע פריינד זאלען נישט וויסען, אז ער געהערט צו דעם פארבאנד. אלץ וואס ער דענקט אז עס דארף געטאן ווערען און וועגען אלץ וואס ער האט שוין אויפגעטאן, דארף ער מיטטיילען נאר צו דער הנהלה פון "מחנה ישראל".

אין איינעם פון די צירקולארען, וואס דער פארבאנד האט לעצטענס ארויסגעשיקט צו איהרע צאהלרייכע מיטגלידער, ווערט אויסדריקלעך באטאנט און אונטערשטראכען, אז די "מחנה ישראל" פארלאנגט נישט קיין געלד־אפצאלונגען פון איהרע מיטגלידער, נאר זיי דארפען בלויז בייסטייערען מיט ארבייט און גייסטיגען זין. אין דעם, אין דער גייסטיגער צוזאמענארבייט, באשטעהט די אויפגאבע פון די "מחנה ישראל" מיטגלידער.


O NOVO MOMENTO — Sexta-feira, 20 de setembro de 1968 — 6 — דער נייער מאָמענט — פרייטיק, דעם 20טן סעפטעמבער 1968

# אין ליובאַוויטשער שטיבל

GUACYARA
MODERNA CHURRASCARIA LTDA.
Avenida Rio Branco, 104 e 118 (Centro)
Fone: 36-0821 — S. Paulo
A maior e mais moderna da Capital
com salão especial para banquetes
לשנה טובה תכתבו

AUTO ESCOLA REI
Não erre! tire a CARTA na
AUTO ESCOLA REI

COMERCIAL DE MAQUINAS
«VIA LACTEA LTDA.»
Máquinas de Costuras Industriais
de todos os tipos e marcas
לשנה טובה תכתבו

Manufaturas BACK Ltda.
CAPAS PLÁSTICAS «BACK»
(ELETRÔNICAS)
FABRICA DE LAMINADOS PLASTICOS EM ITAQUAQUECETUBA
כתיבה וחתימה טובה

Tricot-lã Textil s. a.
ALAMEDA EDUARDO PRADO, 589
SÃO PAULO
לשנה טובה תכתבו

Indústria de Papel
LEON FEFFER S. A.
AVENIDA PRESIDENTE WILSON, 4.100
SÃO PAULO
CONGRATULA-SE COM A COLETIVIDADE ISRAELITA DESEJANDO-LHE PAZ E PROSPERIDADE PARA O ANO QUE SE INICIA.

ARDOWOL LTDA.
ARTIGOS DE BAN-LON E LÃ — ULTIMAS CRIAÇÕES
SEMPRE NOVIDADES
לשנה טובה תכתבו

**בונוס: כתבה בעיתון יידיש מברזיל**
*הצצה לבית הכנסת החסידי בקובנה, ליטא*

כתבת עיתון מרתקת זו, שהתפרסמה בעיתון יידיש בברזיל, מתארת את **בית הכנסת החסידי בקובנה, ליטא**, ומעניקה הצצה נדירה לחיי היהדות והחסידות בקובנה.

הכתבה מתארת גם את דמותו ופועלו של **החסיד רבי מענדל רסקין** — אחיו של **רבי חיים בנציון**, שהוא סב־סבו של חתן בר המצווה.

**Bonus: A Yiddish Newspaper Article from Brazil**
*A Glimpse into the Chassidishe Shul of Kovno, Lithuania*

This fascinating Yiddish newspaper article, published in Brazil, describes the **Chassidishe shul in Kovno, Lithuania**, offering a rare glimpse into Jewish and Chassidic life in Kovno.

The article also highlights the life and activities of **the Chossid Reb Mendel Raskin**—the brother of **Reb Chaim Bentzion**, who is the great-great-grandfather of the Bar Mitzvah boy.

# אין ליובאוויטשער שטיבל

## (א בלעטל קינדעריארן)

**פון נ. י. גאטליב**

שבת און יום טוב פלעגט אונדזער משפחה דאוונען אין ליובאוויטשער שטיבל, וואס האט זיך געפונען אויפן קאוונער אזוי גערופענעם ״גרינעם בארג״. און אט איז איינער א שבתדיקער אינדערפרי. דער טאטע מיינער, וואס האט זיך שוין גענוג ״אנגעזאגט״ ביזן גיין דאווענען, האט זיך איינגעוויקלט אין זיין גרויסן וואלענעם טלית, ארומגעגארטלט זיך מיט א דיקן האלב־זיידענעם גארטל, אנגעטאן אויף זיך דעם שבתדיקן, שווארצן, געוואנטענעם מאנטל, מיטן סאמעטענעם קאלנער און מיר, עלטערע און יינגערע קינדער, לאזן זיך מיט אים ארויס אינדרויסן.

עס איז ווינטערצייט. שנייעלעך פלאטערן פונעם גרוי־פארוואלקנטן הימל, קלעפן זיך צו צו הייזער, צו מויערן. קאוונע־שטאט רוט איצט, די גאסן ציען זיך גאר ליידיקלעך. אויף די קראמען־טירן הענגען שווערע שלעסער. און דער שניי האלט אין איין שיטן. אט גליטשט זיך פאמעלעך פארביי א לאנגער סקריפעדיקער שליטן — אנגעלאדן מיט יאלקע־צווייגן. עס איז ערב די קריסטלעכע חגאות. פון בירעלעך ארום דעם געמויערטן מארק טראגן זיך שיכורע געזאנגען. שפאנען מיר, דער טאטע מיט די קינדער, אייליק, מיט פרומע שבת־טריט, ביז מיר קומען צו צום ״גרינעם בארג״ — דערזעען שוין דאס שטיבל.

דאס שטיבל. ווען איך טו זיך איצט א דערמאן אן אים, דערוועקן זיך אין מיר א סך שיינע זכרונות... איך דערזע פאר זיך א גרעסערע צאל פנימער, געשטאלטן... דאס שטיבל האט זיך גערופן אויפן נאמען פון די ליובאוויטשער חסידים, וואס האבן אין אים געדאוונט. אין אמתן אבער האבן אין אט־דעם שטיבל געדאוונט מער קוידענאווער חסידים, און אפילו גערער. פון די גערער געדענק איך בלויז א טאטן, עטלעכע זין און איידעמס. די ״זייפערס״ האט מען זיי גערופן. זיי האבן אין קאוונע געהאט א גרויסע פאבריק פון זייף. אלע זיינען זיי געווען הויכע, ברייטפלייציקע;

געגאנגען אנגעטאן אין לאנגע קאפאטעס. אין שטיוול ״פון איין פעל״; אויף די פעך־שווארצע קעפ — פלאכע, טובענע היטעלעך; אויף די לענדן — גראבע, וואלענע גארטלען. די ״זייפערס״ האבן פארמאגט לויטערע, שיינע פנימער, ארומגעראמטע מיט געדיכטע, פעך־שווארצע בערד. זיי זיינען געווען נגידים און געדאוונט אין שטיבל אין מזרח־זייט.

די ליובאוויטשער חסידים, אויף וועמענס נאמען דאס שטיבל האט זיך גערופן, האבן זיך געפירט מעשה אריסטאקראטן און אין שטיבל געדאוונט אויף דער רעכטער זייט. די קוידענאווער, פארקערט, האבן זיך געפירט ״עמך־דיק״ און געדאוונט אויף דער לינקער זייט. קיין גרויסע דיפערענציאציע האט זיך אבער אין שטיבל נישט געשפירט. געווען קוידענאווער, ווי למשל, מרדכי־אהרן דער מוהל, וואס האבן געדאוונט אויף דער רעכטער זייט און, להיפוך, ליובאוויטשער, ווי, צום ביישפיל, משה־גרשון דער שוחט, וואס האבן געדאוונט אויף דער לינקער זייט...

פון די ליובאוויטשער פלעגט צום רבין פארן בלויז איינער — מענדל ראסקין דער מאניפאקטור־סוחר: א מיטלגעוויקסיקער, מיט א פאר פארדבקותטע אויגן, מיט א זאפראן־קאליריקער בארד. ער איז געווען אן ״עובד״ (א כת אזא ביי די ליובאוויטשער) און דאס דאווענען פלעגט ער אויסציען אויף לאנגע־לאנגע שעהן. ווען אלע פלעגן שוין פון לאנג זיין אין דער היים, פלעגט ער נאך, איינער אליין, אין שטיבל שטיין און פארכטיק־פרום דאווענען. ביים רבין איז אויך א פאר מאל געווען מיינער א קאוונער פעטער, יאסע חקר, א רייכער קרעמער פון שוסטערשע ״צודאטן״. ער האט פארמאגט א זייער ענערגישן פנים, אן ״אדלער־נאז״ און א פיין פארקעמטע בארד, א ״צעשפאלטענע״ אויף צווייען, ווי ביי מאקס נארדוי.

די אנדערע ליובאוויטשער האבן זיך בלויז אזוי גערופן. — צום רבין זיינען זיי נישט געפארן. דערפאר פלעגן די קוידענאווער פארן צו זייער רבין, גאנצענע כאליאסטרעס, און באזונדערס לאנג פלעגט ביים רבין אפזיצן איינער פון מיינע מלמדים — יוסף לייב ״ראטשילד״. דעם צונאמען ״ראטשילד״ האט ער זיך אליין געגעבן. ער, יוסף לייב, האט שטארק ליב געהאט דעם ביטערן טראפן.

פלעגט ער אפט שפאסן:

-אז איך קום אהיים. פון א חסידים-מסיבה. היפשלעך בגילופינדיק, בין איך רוטשילד: איך בין דאן רויט און די פלוניתטע מיינע - שילט...

ווען איך האב ביי אים אין חדר געלערנט איז ער שוין געווען א טיפער זקן, א קליינינקער איז ער געווען, מיט א שפיציק, גרוי בערדעלע, מיט א פאר שארפע אויגן. א מלמד איז ער געווען א שטרענגער. א ניט-געהארכזאמען תלמיד פלעגט ער שמייסן אויפן ״חוילן״. האב איך איינמאל מיט עפעס זיך פארזינדיקט, האט ער מיר צוגעשטעלט דעם ספעציעלן שמייס־בענקעלע — א נעם געטאן דעם קאג משיק זיינעם און - געהייסן מיר זיך צעשפיליען. און היות עס איז דאן געווען ווינטער, האב איך געטראגן צוויי פאר הייזלעך. שפיליע איך אפ דאס ערשטע פאר. דערזעט יוסף־לייב, אז איך טראג א צווייטע פאר הויזן. טוט ער צו מיר א זאג: טראגסט דאך, איציקל, אויך רבינו תם׳ס הויזן...!״




Passport photo of Reb Mendel Raskin

צווישן די קוידענאווער, וואס האבן נישט פיינט געהאט דעם ביטערן טראפן, איז אויך געווען מרדכי־אהרן דער מוהל. ער איז געוועזן ניט נאר א מוהל, נאר האט אויך געברייט מעד געמאכט טינט, האניק, צוגויפגעשטעלט פארשיידענע פארבן. געווען איז ער נישט קיין הויכער, א נעפאקטער, מיט א פאר קלוגע, פריילעכע אויגן. תמיד האט ער דערציילט עפעס א מעשה פון רבין, א ״קנאקעדיק״ ווערטל. און געווען איז ער א גרויסער זינגער און טענצער.

דער טאטע מיינער, רב הערשעלע דער ראש ישיבה, האָט קיין יין נישט

געטרונקען. בלויז אין נישט-געוויינלעכע פאלן, לשם מצווה, פלעגט ער אַמאָל פארזוכן א פערטל פון אַ קליין קעלישאקל. ווי ניט קיין נגיד, האט ער, מיט אונדז, קינדער זיינע, געדאוונט אין דער לינקער זייט פון שטיבל.

אין אונדזער זייט האָט אויך געדאוונט נח קארלין - א קליין יידעלע, מיט א צינן בערדעלע. מיט וואטע אין די אויערן; א זייגערמאכער; אַ גרויסער אביון. צום רבין איז ער נישט געפארן. אבער אויף די ימים נוראים האָט ם געשיקט אַ "פדיון".

מיט אונדז האָט אויך געדאוונט שלמה יודע דער טיי-הענדלער - א הויכער, א שווער-לייביקער. אינדער וואָכן האָט ער גערויכערט א לאנגע ליולקע. אויך ער איז געווען א קבצן, אָבער תמיד א פריילעכער; דער רבונו של עולם וועט שוין העלפן...

חוץ מיין פעטער יאָסע חקר. מענדל ראו(נ)סקין און אנדערע "ליובאוויטשער", וואָס האָבן געדאוונט אין דער רעכטער זייט האָט דאָרט געדאוונט מאיר בענצע דער קברן, וועמענס נאָז איז תמיד רויט געווען פון יין שרף; און אויך שעפסל דער הענדלער מיט די בארימטע דובנאווער טליתים - אַ לאַנגער, מאָגערער ייד, מיט אַ לאַנגער, דינער, פלאקסענער בארד, ווי ביים רוסישן דיכטער נעקראַסאָוו. אויך חיים וואלפע, דער שטיבלשער גבאי, האָט דאָרט געדאוונט. ער, וואָלפע, איז געווען א גרויסער גביר און דער איינציקער גלוח אין שטיבל. קיין חסיד איז ער נישט געווען און שבת-יום-טוב פלעגט ער טראָגן אַ צילינדער.

"הינטערן בימה" האָבן געדאוונט שלמהלע קאַלאָשניק און רפאל דער "בעזדעטניק". שלמהלע איז געווען א "קאראפוזיק", מיט א בולבעוואטער נאָז, מיט אַ פּאָר "פארשמאָדערטע" אויגן. סיי ווינטער, סיי זומער פלעגט ער, חוץ שטיוול, טראָגן אויך קאלאשן. אין שטיבל איז ער געווען אן אונטערשמש. דערצו איז ער געווען שטיקל לאטוטניק.

אין שטיבל האט מען געדאוונט מיט א סך הארציקן ליארעם. די ליובאוויטשער זיינען אין דעם זין געווען איינגעהאלטער, העגדום-פענדום פלעגן זיי איבערן שטיבל נישט ארומיאגן. די קוידעיאָווער אבער פלעגן "קערן וועלמן". באזונדערס - מרדכי אהרון דער מוהל. ביי שמונה עשרה אבער פלעגט ווערן שא־שטיל. אלע

שטייען און שאקלען זיך, ווי שטום-שוויינענדיקע פיש.

דער שטיבלשער הויפט שמש דוד האלפערן, איז געווען אונדזע רער אַ קרוב. ער איז געווען אן עלטערער בחור, א הויכער, מיט א בלייך געזיכט, אָן אַ סימן בארד. ער האט פארמאגט אַ פּאָר בלומילרע, זייער פארטרוימטע אויגן. און געווען איז ער היפש באהאוונט אין וועלטלעכער קולטור געקענט אפילו לאטיין. מיך און מיינע ברידערלעך פלעגט ער צום דאוונען געבן די נייסטע סידורים. אפט פלעגן מיר צו אים אריינקומען, מיט אן עלטערער שוועסטער, שבע, א מיידל, האט ער געוואוינט אין צוויי זייטיקע זייער ציכטיקע צימערלעך, וואָס האָבן באלאנגט צום שטיבל. ביי אט די קרובים אונדזערע פלעגן מיר תמיד געפינען יידישע צייטונגען: "הײנט", "מאמענט". פסח פלעגט אונדז שבע מכבד-זיין מיט מחיהדיקע ברעמדזלעך. דוד איז אפט געלעגן "ניט מיט אלעמען", באַרינגלט מיט פארשיידענע רפואות. ער פלעגט לייענען די לאטיינישע סיגנאטורקעס אויף די רפואה פלעשלעך און - דערקלערן אונדז זייער באטייט...

אין יענע ווייטע קינדעריאָרן פלעגט דאָס שטיבל אָננעמען אין אונדזערע אויגן פארשיידענע אויסזענס. שבת איז אין שטיבל נישט געווען צו זען קיין אויסערגעוויינלעכס. אפט, פרייטיק פארנאכט, פלעגן מיר, קליינוואַרג, קומען אין שטיבל פריער פון אלעמען. פלעגן מיר איבערנישטערן אַ סך קעסטלעך פון די שטיבל-"שטעט". פלעגן מיר אין קעסטל פון משה גרשון דעם שוחט, וואָס האָט פארמאגט עפעס א "מיחוש", געפינען אפט שטיקער אינגבער-צוקער דער דאָקטער האט עס אים געהייסן עסן - וואָס מער. פלעגט ער טועם זיין פונעם אינגבער צוקער נישט נאָר אינדערהיים, נאָר אויך אין שטיבל און מיר, קינדער, פלעגן אים מקנא זיין: א ייד פארנינט זיך עס צו עסן יעדן טאג אינגבער צוקער...

פרייטיק אוונט, נאָך קבלת שבת און מעריב, פלעגט אין שטיבל אריינקומען ווינטשע דער סטרוזש. פון א שאַפע פלעגט ער ארויסנעמען א לאנגע, בלעכערנע רער, מיט א פארבויגענער ענד. מיט אט־דער רער פלעגט ער אויסלעשן די שטיבלשע לאמפן. און בלויז איין לאמפ פלעגט ער לאָזן ברענען - נעבן מענדל ראסקינס "שטאָט". ווייל מענדל ראסקין פלעגט נאָך בלייבן אין שטיבל ביז טיף אין אוונט. שבת אינדערפרי, ווידער, פלעגט ער, נאָך שחרית און מוסף דאוונען

לזכות

התמים **לוי** שליט"א

לרגל הגיעו לגיל מצוות

*

ולזכות הוריו שיחיו

הרה"ת ר' **יוסף וצבי'**

**קיובמאן**

אחיו ואחיותיו שיחיו

**חי' מושקא ובעלה מנחם מענדל אקונאוו,**
**שרה, מנחם מענדל**

זקניו שיחיו

הרה"ח ר' **שלום דובער וטויבא צפורה**

**קיובמאן**

הרה"ח **יוסף יצחק ע"ה ויבלחט"א נחמה**

**איטקין**

*

לרוב נחת בגו"ר מתוך בריאות ואריכות ימים ושנים טובות
והתגלות כ"ק אד"ש מה"מ תומ"י ממ"ש!